# THE SHEPHERD OF ISRAEL

Subscription Price
50 Cents a year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL. XXI No. 3
NOVEMBER, 1938

## DOCTORING A DOCTOR

From a Jewish doctor we have received a sharp letter of rebuke. He seems to have been aroused by reading a copy of THE SHEPHERD OF ISRAEL, and he considers our earnest efforts to win our Jewish brethren to the Lord Jesus Christ "an effrontery and an insult to an intelligent Jew." He continues further:—

> "Who gave you a warrant to call the Jewish people blind? Why should you presume that a Jew, if he is a true follower of the precepts of his religion, cannot attain the highest plane of ethical conduct as well as a true follower of the Christian faith?
>
> In the face of millions of nominal Christians perpetrating the most horrible crimes on each other and on Jews, why should you think it necessary to waste money gathered from well-intentioned Christians on spreading Christianity among Jews, instead of using that money to lead into the true light these millions of nominal Christians?
>
> What does it matter whether one believes in Jesus, Confucius, Mohammed, or in a thousand other gods, as long as one's conduct falls short of the most elementary ethical rules of conduct? On the contrary, if one discharges adequately his obligations to his fellow men, what does it matter whether he does it in the name of Vishnu, Jesus, or God, as conceived by the ethical monotheism of the Jew? You surely have not the presumption and the audacity to insinuate that a Jew, Mohammedan, Confucianist, or Zoroastrian cannot be inspired to the highest ethical conduct!
>
> Why not teach respect and mutual admiration of the followers of one religion to another, instead of insulting people by presuming that they are blind. I have unbounded respect for the true, believing Christian. I have unbounded respect for the follower of any religion, but I am somewhat suspicious of one who makes it his life's work to meddle with the conscience and religious beliefs of others, especially if that one happens to be on the payroll of a well-intentioned Christian organization."

And now, dear Doctor, you who are in the habit of prescribing medicines and treatments for your patients, will you allow us to turn the tables about and prescribe a little treatment for you? Because you seem to be in a distressing pathological condition, which we do believe can be helped, even cured, if you will honestly and truly say to God, "I do want the truth." So, will you allow us to answer each one of your attacks or questions, categorically in the same order which you have given them in your letter?

1. God Himself gave us the authority to call our beloved Jewish people blind. If you were familiar with the Jewish Bible, you would never have asked such a question. Do you need any stronger or more powerful indictment of our people than that which Isaiah, one of our greatest prophets, has given to us in Isaiah 1:3,4:—

> "The ox knoweth his owner, and the ass his master's crib: but Israel doth not know, my people doth not consider. Ah sinful nation, a people laden with iniquity, a seed of evil-doers, children that are corrupters: they have forsaken the Lord, they have provoked the Holy One of Israel unto anger, they are gone away backward."

And perhaps we should also quote the words of the Lord Jesus Christ, who, when He was in Jerusalem, had to deal with the self-willed and proud Jews of His day. Concerning those Jewish leaders, He said:—

> "They are blind leaders of the blind. And if the blind lead the blind, both shall fall into the ditch." Matt. 15:14.

Your question is cleverly worded, "Why should you presume that a Jew, if he is a true follower of the precepts of his religion, cannot attain the highest plan of ethical conduct as well as a true follower of the Christian faith?" The fly in the ointment lies in the little word **IF**, and you know very well that no Jew has ever been able to obey the precepts of his religion. The Word of God tells us very clearly, "All have sinned, and come short of the glory of God." Who are you to set yourself up against God? Would you make God **a liar?**

#### JEWS MUST LEAD THE WAY

2. You recognize evidently the difference between real Christians and nominal Christians. In this regard you are considerably in advance of many of our Jewish leaders, and you are more fair-minded, and just. We have been trying for years to hammer home the truth to our blind Jewish brethren that real Christians, those who have been born again by the Holy Spirit, through faith in the Lord Jesus Christ, such Christians could never raise the smallest finger against a Jew, nor could they allow their tongues to utter the least suspicion of hate against the Jews. We have been spending money, given to us by true Christians, to make known the Lord Jesus Christ to the Jews throughout the world; for the simple reason that God has been waiting a good many years for our Jewish people to wake up, to throw away the veil of blindness over their eyes, to accept the Lord Jesus Christ as their Messiah and Saviour; because when once this miracle happens, God will use the Jews to do the very thing you have mentioned, "to lead into the true light these millions of nominal Christians." It is again our own great Isaiah who tells us by the authority of God's inspiration, "the darkness shall cover the earth, and gross darkness the peoples: but the Lord shall arise upon thee (Israel) and His glory shall be seen upon thee. And the Gentiles shall come to thy light, and kings to the brightness of thy rising." Isaiah 60:2,3.

But before this wonderful thing can happen, Isaiah reminds us in the previous chapter that "the Redeemer shall come to Zion, and shall turn away transgression from Jacob, saith the Lord." Isaiah 59:20. All of which means that when the Lord Jesus Christ will be honestly accepted by the Jews of the world, they will then be born again, they will be saved by God Himself, through the power of the Lord Jesus Christ, and they will lead the Gentile world into righteousness and truth, through the Lord Jesus Christ.

#### YOU ARE WHAT YOU BELIEVE

3. We are surprised that a man of your intelligence should ask as to what it matters what one believes, so long as one's conduct is correct. Do you not know the age-old truth that creed makes character? The wise King Solomon gave utterance to this important truth when he said, "as he thinketh in his heart, so is he." This same truth was put in stronger form by the Lord Jesus Christ when he said in Matt. 7:16, "Ye shall know them by their fruits." What has Mohammedanism brought to the world? Hate, murder, rapine, lust. Do you believe that you could be a good Mohammedan and still achieve the highest ethical standards? What has Confucianism brought to the World? Go to China and see for yourself, a condition of degradation such as staggers the mind. Do you think you could be a Confucianist and still achieve the highest ethical standards? And now, what has the Lord Jesus Christ produced in the world? Look about and see for yourself. You are a doctor; do you not know that the whole idea of hospitalization and free medical care for the poor sprang out of the hearts of men and women who loved the Lord Jesus Christ and who were doing this for His sake? Did you ever hear of pagan Rome starting a hospital? Did you ever hear of the Mohammedans starting a hospital? Is it not true that Christian money is actually being spent by the millions of dollars to establish hospitals among the Mohammedans and the Chinese and the Japanese?

**40 CTS. WORTH FOR 25 CTS.**

**Send us 25c in coin or stamps and we will mail you a 40c. New Testament in Hebrew, Yiddish or English.**

**Address:**

THE SHEPHERD OF ISRAEL

27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y. Entered as Second Class matter April 4, 1922, at the Post Office, Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Accepted for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, act of October 3, 1917. Authorized December 30, 1937.

### QUICKSAND LOGIC

4. We are afraid you are on quicksand in your fourth attack, and we believe even a ten year old child could explode your fallacies. **First of all, how can you say that you have unbounded respect for the follower of any religion, when you know as a matter of fact that there is only one revelation, and all so-called religions are counterfeits and frauds?** How much respect would you have for a doctor who says he is willing to accept all kinds of theories or treatments for a certain ailment, when you know from your experience and from your studies that only one specific treatment or one highly specialized operation is the cure for the malady? How far would you get in your medical practice if you followed such a strange doctrine? Your medical friend may be thoroughly sincere in his idea that a dozen forms of treatment are equally correct, but that will not help him very much when he is brought into the court under charge of murder through malpractice.

You say you are suspicious of one who makes it his life work to meddle with the beliefs of others. If you are sincere in this statement, then you will have to stretch your suspicions a long way back, and you will find yourself in a state of collapse, for if you will take a little time to read in the Jewish Bible, the story of our great Father Abraham, whom every Jew reveres as the founder of the Jewish nation, you will find that Father Abraham did exactly the thing about which you have your suspicions. He left his home, he gave up the religion of his mother and father, and he spent his lifetime in doing the very thing you condemn, that is, meddling with the religious beliefs of others. So you see, as a Jew, you have destroyed your own foundation; for if Abraham had not meddled with the conscience and beliefs of others, it is doubtful whether you would be where you are and what you are today. We are told in Hebrews 11:8,

> "By faith Abraham....went out, not knowing whither he went. For he looked for a city which hath foundations, whose builder and maker is God."

And if you too, dear Doctor, will exercise the faith of Abraham and go out earnestly looking for a city whose maker is God, you will find a new happiness, a new joy through salvation by virtue of the atoning work of the Lord Jesus Christ in His crucifixion on Calvary; you will be a happy man, and you will never again write such a letter as you have now written.

Your reference also to being on the pay-roll of a well-intentioned Christian organization is rather a reflection on your own sense of respect and dignity. Certainly, we receive a salary for our labors, because God has provided that we shall live, and shall have food to eat and clothes to wear. When you charge your patient a fee for services rendered, we surely hope that the patient does not turn on you and accuse you of "doing it for the money." This is not really a very high ethical standard for you to take, and we mention it only because you have stressed so much the idea of the high ethical standard. If you had been a believer in the Lord Jesus Christ, and had been really born again, you never would have put such a statement in your letter. Because, he who has been born again has the love of the Lord Jesus Christ in his heart, and in First Corinthians 13, the great Jewish missionary, St. Paul, gives us a wonderful chapter on love, the love of the Lord Jesus Christ dwelling in our hearts. And concerning that love He tells us, "love thinketh no evil." 1 Cor. 13:5.

And so, may we recommend to you, dear doctor, that you take the Lord Jesus Christ into your own heart, as being the only solution to the Jewish problem, and as fulfilling the only true Jewish religion, brought to us by God Himself, who began His plan of redemption through His only begotten Son, the Lord Jesus Christ, in the very first book of the Jewish Bible, Genesis. And when you have taken Him as your Saviour, you will never again be offended by such literature as you received. On the contrary, you will thank God for having given to you a new joy, the assurance of everlasting life through the Lord Jesus Christ.

---

## AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.

Original work established by Leopold Cohn in 1894



HEADQUARTERS BETH SAR SHALOM
Throop Avenue and Walton Street
Brooklyn, N. Y.

---

WHERE YOU MAY OBTAIN

THE SHEPHERD OF ISRAEL

UNITED STATES. New York: Headquarters Building, 27 Throop Avenue, Brooklyn, New York: Chicago, Ill.: 316 Stanley Pl., Rev. Solomon Birnbaum. Pittsburgh, Pa.: 1603 Centre Ave., Rev. John Solomon, Missionary. Philadelphia, Pa.: 535 Spruce St., Mr. Harry Burgen, Missionary. Buffalo, N. Y.: 206 North Park Ave., Rev. A. B. Machlin. Columbus, Ohio. 712 S. Hague Ave. Rev. Oscas Wago, Los Angeles, Calif.: 2005 Brooklyn Avenue, Rev. E. Zimmerman.

OVERSEAS. Sidney, Australia: 145 Commonwealth Street, Rev. G. E. Ardill. Warsaw, Poland: Targowa 15, M. 4. Rev. Moses Gitlin, Missionary. Jerusalem, Palestine: Gospel Gate, Russian Compound, Rev. Frank L. Boothby, Missionary. Paris, France: 123 Avenue du Maine, Rev. Henri Vincent.

---

## HOW THREE JEWS DIED

### 1. AN ORTHODOX JEW

Rabbi Jochanan Ben Zaccai was lying on his death bed. His disciples came to visit him and, on seeing them, tears filled his eyes and he cried bitterly. "Rabbi," exclaimed the astonished disciples, "dost thou cry! Thou, the light of Israel, the right-hand pillar of the Temple, the mighty analyzer of the Law?" "Ah, my children," sobbed the dying sage, "would I not weep if I were at this moment brought before an earthly king, who may be in his grave tomorrow; whose anger and the punishment he might inflict could not last forever, and who might be moved to pity by words of entreaty, or be pacified with a gift? You ask me why I weep, when I am about to be led into the presence of the King of kings, Who lives forever, Who will not be moved to pity by words of entreaty or be pacified by the offer of a gift! There are two ways before me, one leading to Paradise, the other to Gehenna, and I know not whither I am going" (Berachoth 28b)

### 2. A REFORMED JEW

Emanuel Deutsch, a noted Reform Jew wrote a book entitled "What is the Talmud?" In it he tried to bolster up a claim that Jesus was a plagiarist, that He copied from the Rabbis. When Deutsch was at the height of his popularity his health gave way, and he was advised by his physician to go to Egypt and there try to regain his lost vitality. Soon after reaching Egypt he realized that he was fighting a losing battle, and he wrote this pathetic confession in his diary: "I cannot take comfort in the thought of death—I want to live—there is so much life, hot, full life within—that it shrinks from darkness and deadness. I envy those who can fly on the mind's wings to this harbour of refuge; I cannot follow, but keep tossing outside in my broken craft, through foam, and rock and mist." (Literary Remains of Emanuel Deutsch. p. 12)

### 3. A CHRISTIAN JEW

We turn from the foregoing dismal pictures to the bright anticipation with which Saul of Tarsus, a pupil of the illustrious Rabbi Gamaliel, looked forward to death. To him it was not something horrible; something to be dreaded. To him even a martyr's death was but the gateway to glory such as no mind can conceive. As the end of his earthly career approaches he writes: "I am now ready to be offered, and the time of my departure is at hand. I have fought a good fight, I have finished my course, I have kept the faith; henceforth there is laid up for me a crown of righteousness, which the Lord, the righteous judge, shall give me at that day; and not to me only, but unto all them also that love His appearing" (II Timothy 4:6-8). "O death, where is thy sting? O grave, where is thy victory? (I Cor. 15:55). —From THE MEDIATOR by permission of Dr. Henry Einspruch, Editor.

# א מוסר השכל

## פאר יעדען לעזער

יעדער אנשטענדיגער מענש וואס האט געהערט פון די גרויזאמע מעשים וואס מ'טוט אין דייטשלאנד בנוגע אידען, איז ווי געוועהנליך שטארק אויפגערעגט און איז דן לכף חוב אי היטלער און אי זיינע נאכפאלגער. אונזערע אידען זענען גאר ערשיטערט פון די געשעהענישען ווייל זיי זענען די הויפט־ליידענדע פון יענע אכזריות'דיגע מעשים און זיי ווילען אודאי ארויסטראגען א שארפען פסק־דין אויף שונאי ישראל. מ'קאן אויך הערען פון דער פרעסע ווי שארף מען קריטיקירט די אלע אונמענשליכע גרויזאמקייטען געגען אלעם אידישעם אין דייטשלאנד, ווי אויך אין עסטרייך. אפילו פריוואט געשפרעכען קאן מען אויך נישט פארביי געהן אהנע צו הערען פראטעסטען געגען היטלער און זיין חברותא.

אבער וואס קאנען מיר דערפון לערנען און ארויסנעמען א מוסר השכל פון די אלע געשעהענישען? זעלבסטפארשטענדליך, ווען מיר ווען דאסזעלבע טאן צו אונזערע אונטערדריקער אדער צו אנדערע, וועלען מיר אליין אויף זיך עדות זאגען אז מיר זענען אזאלכע אכזרים ווי יענע.

### וואס'זשע דארפען מיר דערפון ארויסלערנען?

עס איז נויטיג אונטערצושטרייכען איינינע זאכען בנוגע דעם ענין כדי מיר זאלען אודאי נישט טהון דאס וואס זיי טהוען לויט מיר באשולדיגען די היטלעריסטען און אנדערע שונאים.

ערשטענס — די נאצי טהעארי, „ראסיזם". די היטלעריסטען האלטען שטארק בכבוד דאס ריין אריער ראסיש בלוט. האבען זיי צוליב דעם גע־מוזט שאפען אזא מין רעזשים וואס זאל זיי אבגרענעצען פון די ניט-אריער.

פון דעם דארפען מיר אידען לערנען, ניט צו מאכען אזא „להבדיל" צווישען אונז און זיי. ניט האלטען א גוי נידריגער פון אונז, מיינענדיג אז מיר זענען די גרויסע יחסנים. מיר אידען דארפען זיין די ערשטע צו רעאליזירען די אידעאלען פון די כתבי הקודש אז אלע מענשען האבען איין אבשטאם, איין באשעפער. „הלא אב אחד לכלנו אל אחד בראנו". (מלאכי ב, 10) דער גרעסטער ביבלישער אידעאל איז: „כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים". (ישעיה נ"ו, 7) דארום דארפען מיר זוכען אלע מעגליכקייטען צו קומען אין ענגערע פארבינדונגען מיט אנדערע נאציאנען. נישט חלילה זיך צו שמד'ן, נישט זיך צו אסימילירען, נייערט צוזאמען צו געהן אויפ'ן דרך הישר. אט דאס איז דער נביאיש־משיח־ישער געדאנק וואס יעקב אבינו האט שוין דאמאלס געזאגט ברוח הקודש ווען ער האט געבענשט זיין זוהן יהודה פון וועמען דער משיח—שילה האט בעדארפט ארויסקומען, האט ער געזאגט: „ולו יקהת עמים". (בראשית מ"ט, 10) און אין צפניה האט גאט קלאר אונז געזאגט אז אלע פעלקער וועלען איהם אין איינינקייט דיענען. (צפניה ג, 9) אויף אזא מין אופן וועט זיין „והיה ד' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהיה ד' אחד ושמו אחד". (זכריה י"ד, 9)

צווייטענס — דארפען מיר ארויסלערנען און נישט טאן אזוי ווי זיי, נעמליך, ניט צו איגנארירען די כתבי הקודש. היטלעריזם האט נישט געקאנט ליידען, נישט נאר אידישע שרייבער און פאעטען וועמעס שריפטען זיי האבען פארניכטעט, פארברענט, נייערט אויך די הייליגע שריפט וועלכע איז געוועזען אזוי הויך געשעצט אין דייטשלאנד זייט דור דורות, אויך דאס האט פארלוירען די אויטאריטעט ביי היטלעריסטען און זיי ווילען דאס מיט כל הכחות פארניכטען און אויסווארצלען, ווייל עס איז א אידיש בוך.

אויך דאס ברית חדשה און ישוע הנוצרי גופא קאנען זיי נישט מעהר דולדען ווייל זיי ווייסען אז אלעם דאס איז לויטער אידיש. ווי עס איז בעקאנט איז שוין מעהר ווי 400 יאהר זייט דער דייטשער רעפארמאטאר לוטהער האט אריינגעבראכט די ביבעל צו יענעם פאלק. עס האט געהייסען „אן עוואנגעליש פאלק". און אין משך פון די 400 יאר זענען די פרינציפען פון ברית חדשה איינגעאייגנעט געווארען אין לעבען און אין כאראקטער פון דייטשען פאלק און אלע גוטע מידות וואס מ'האט געוועהנליך געזעהן ביי די דייטשען, (אויך די הויכע קולטור) זענען געוועזען דער רעזולטאט פון דעם איינפלוס פון ישוע המשיח'ס פערזענליכקייט וואס זיי האבען ארויסגענומען פון זיין לעהרע. יעצט טרעט מען דארט אלעם מיט די פיס אליץ ווייל ישוע און זיינע תלמידים און די לעהרע איז אידיש.

דאס זאל פאר אונז אידען זיין זעהר אן ערנסטע לעקציאן און מיר זאלען דערפון ארויסלערנען צו רעספעקטירען אונזער ביבעל, וויסענדיג אז זי איז די לעבענס אטמאספער פאר אונזער אידיש פאלק, באמת אן „עץ חיים למחזיקים בה". דאס מיינט נישט עפעס אן אויסערליכען כבוד אבצוגעבען דער תורה ווי למשל איהר א קוש טהאן אדער אויפשטעהן ווען מ'טראגט זי אין שוהל, נייערט רעאליזירען איהר לעהרע אין לעבען און ברענגען פרוכט און איינפלוס־ראפט פון דער ביבעל, זי צו לערנען און דרין פארשטעהן דעם רצון הבורא יתברך.

דערביי זאלען מיר אבער אויך נישט פארגעסען אז דער ברית החדשה, דער צווייטער טייל פון דער ביבעל, פון וועלכען די דייטשען זאגען זיך יעצט אב, איז באמת אונזער אידיש ספר, און נישט א גויאיש בוך וואס מ'זאל עס דארפען פארברענען חלילה אזוי ווי די פאנאטישע רבנים האבען אונז געלערענט צו טהון. * פונקט אזוי ווי היטלער טהוט איצט.

די היסטאריע שטרייכט אויך איצט שטארק אונטער אז דער העלד פון ברית חדשה, ישוע הנוצרי, איז אן אמת'ער איד. דער גרעסטער איד און די קרוין פון דער אידישער מאראל. נישט בחינם האט דער חשוב'ער דאקטאר קלויזנער אין זיין ספר „ישו הנוצרי" וועגען איהם אזוי הויך און הארציג געשריבען!

דעם אמת זאגענדיג, כל זמן דאס דייטשע פאלק איז געוועזען אונטער ישוע המשיח'ס איינפלוס, איז עס טאקע געוועזען א מאראליש און א יושר'דיג פאלק. אונזערע אידען האבען דארט בכבוד געלעבט ווייל אמת'ע קריסטען פאלגען דאס וואס ישוע האט זיי געהייסען טהון, נעמליך, צו ליעבען אלע מענשען.

אומזיסט טראגען מיר אידען זייט טויזענטער יאהר שנאה אין הארצען צו ישוע הנוצרי און באשולדיגען איהם אין אלעם רשעות וואס די אזוי־גענאנטע קריסטען טהוען אונז אן. יענע זענען נישט נאכפאלגער פון ישוע ווייל ישוע האט דאס זיי קיינמאל נישט געהייסען טהון. שנאה איז זייער אייגענער פראדוקט ענטנומען פון שטן. דאגעגען ישוע האט אונז תמיד אנגעזאגט צו ליעבען יענעם, אפילו דעם שונא. יא, ישוע איז באמת געוועזען א איד מיט אלע זיינע רמ"ח איברים . . .

ווען מיר וועלען האלטען די ביבעל אלס אונזער העכסטער אויטאריטעט, מיר וועלען זי לערנען און פארשטעהן, וועלען מיר ערשט דאן זעהן ווי ישוע המשיח איז אין פולער הארמאניע מיט תורת משה והנביאים און ער איז באמת דער משיח אלהי יעקב, וואס איז געקומען בזמן בית שני צו ליידען דעם ביטערען טויט אויף דער תליה פאר די זינד פון דער גאנצער מענשהייט. דאס אלעם איז אידיש, ריין אידיש און דערפאר האסט דאס היטלער.

אויב אונזערע אידען וועלען אויך איצט נישט לערנען פון מעשה היטלער דעם נויטיגען מוסר השכל און מיר וועלען זיך אויך ווייטער נוהג זיין אי מיט דער ביבעל און אי מיט ישוע המשיח אזוי ווי פריהער, וועלען שונאים זאגען אז אויך מיר זענען אכזריות'דיגע נאציאנאליסטען אזוי ווי די היטלעריסטען זענען און פארדינען די אלע קלעפ וואס מיר לעבען תמיד איבער. מיר וועלען אפילו קיין פתחון פה האבען זיך צו בעקלאגען געגען יענע רשעים וואס טיילען אונז אוים כל'ערליי צרות און יסורים, ווייל מיר טהוען דאך אויך דאס זעלבע.

עס איז שוין צייט זיך אויפצוכאפען פון לאנגען שלאף און אין ישוע המשיח צו גלויבען באמת ובתמים, אין איהם גליקליך צו לעבען און זיין אויך א ברכה צו אנדערע פעלקער אזוי ווי עס הייסט: „והיה כאשר הייתם קללה בגוים . . . כן אושיע אתכם והייתם ברכה". (זכריה ח, 13)

„וכן כל ישראל יושע". (רומיים י"א)

רעוו. ל. אווערבאך, לאנדאן

* „הגליונין וספרי מינין אין מצילין אותן מפני הדליקה אלא נשרפין במקומן הן ואזכרותיהן". (תוספתא סנהדרין פ"ג)

---

## קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

יעדען פרייטאג אבענד 8 אוהר

יעדען זאנטאג אבענד 8 אוהר

**בית שר שלום: טרופ און וואלטאן סט.**

---

## וואו איהר קאנט בעקאמען דעם רעה ישראל

**ברוקלין, נ. י.:** בית שר שלום, 27 טרופ עוועניו. **פילאדעלפיא, פא.:** מר. הארי בוירגען, 535 ספרוס סטריט. **פיטסבורג, פא.:** רעוו. דזשאן סאלאמאן, 1603 סענטראל עוועניו. **שיקאגא, אילינאי:** רעוו. סאלאמאן בירנבאום, 316 סטענלי פלייס. **לאס אנגעלעס, קאליפ.:** רעוו. ע. ציממערמאן, 2005 ברוקלין עוועניו. **קאלומבוס, אהייא:** רעוו. אסקאר וואגא, 712 סויט הייג עוועניו. **סידני, אסטראליען:** רעוו. ג. ע. ארדיל, 145 קאמאנוועלטה סטריט. **ווארשע, פוילען:** רעוו. משה גיטלין, טארגאווא 15, מ. 4. **ירושלים, פאלעסטינא:** רעוו. פרענק בוטהביי, גאספל גייט, רוסישער קאמפאונד. **פאריז, פראנקרייך:** רעוו. הענרי ווינסענט, 123 דאמעין עווע. **באפאלא, נ. י.:** רעוו. א. ב. מאכלין, 206 נארטה פארק עווע.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רעה ישראל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלערען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח

Subscription Price
60 Cents a year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL. XXI No. 3
NOVEMBER, 1938


## קאלאמבוס

**פ**אר איינינע וואכען צוריק האט מען דא אין אמעריקא געפייערט „קאלאמבוס־טאג“. דעם 446-טען יאהר־טאג זייט קאלאמבוס האט אנדעקט אמעריקא. מענשען פון אלערהאנד שפראכען האבען איהם אבגעגעבען גרויס כבוד. איבער 10,000 איטאליענער האבען איהם גאר גרויסע שבחים אבגעגעבען. — פארט אן איינענער.

עס איז פאראן אן אלטער כלל, „גיבט עהרע דעם וועם עהרע געביהרט“, און קאלאמבוס האט באמת פארדינט דעם גרויסען כבוד וואס מ'האט איהם צוגעטיילט. אמעריקא איז נאך ביז היינט געבליבען — און וועט האפענטליך אויך ווייטער בלייבען — דאס גלווירייכסטע לאנד צווישען אלע לענדער וואו מ'קאן במנוחה לעבען אהנע געטריבען צו ווערען פון ווילדע חיות און צוויי פיסיגע כלבים.

מיט איינינע יאהר צוריק האבען א גרופע ליטעראטען אין שפאניען געמאכט אן אונטערזוכונג וועגען קאלאמבוסעס אידישקייט וואס איז אזוי אפט דיסקוטירט געווארען און האבען געפונען א היבש ביסעל דאקומענטען וואס האבען באוויזען זיין אידישען אבשטאם. דאך איז עס נישט ווייט געגאנגען, קאלאמבוס איז פארבליבען דער „איטאליענישער ערפינדער“, איהם עהרען אלע אמעריקאנער בירגער, אידען און נישט־אידען, אלץ פאר זיין גוטער ערפינדונג.

אט אזוי האלט בכבוד יעדעס לאנד זייערע גרויסע מענער ווי למשל אמעריקא — איהר „וואשינגטאן“, פראנקרייך — איהר „נאפאליאן“, א. א. וו., אלע מדינות שפיגלען זיך אין זייערע גדולים, עהרען זייער אנדענקען און זיי זענען שטאלץ וואס זיי האבען דער וועלט געגעבען אזאלכע פערנאנטע פערזענליכקייטען.

איין איינציגער אויסנאהם מאכט דער איד, וועלכער האט דער וועלט געגעבען דעם גדול שבגדולים, ישוע המשיח, פאר וועם אלע אנדערע גדולים זעהען נאר אויס ווי שאטענס, איהם עהרען און שעצען מענשען פון אלע נאציאנען אלס זייער גואל און עררעטער פון זינד און פון פארדערבען און אלע פיהלען זיך גליקליך אין איהם, נאר אליין דער איד, זיין אייגען בלוט און פלייש, נאר ער האלט זיך נעגען איהם אזוי גלייכגילטיג און קאלט, און אין פיעלע פעלע אזוי פיינדליך געזונען אז עס איז פשוט צו שטוינען. די וועלט פרעגט — ווי קומט דאס אז דעם וואס אנדערע פארהערליכען, עהרען און ־שעצען, איהם אויף וועם גאט אליין זאגט: „אליו תשמעון“, (דברים י"ח) איהם האט דוקא ישראל אלע צייט פאראכט און פארווארפען און ישוע איז נאך עד היום אן „אבן נגף וצור מכשול לשני בתי ישראל“! ווי קאן ישראל אפילו וואגען גאט א דעה צו זאגען ווער עס זאל יא זיין דער משיח און ווער נישט, איז דאס נישט אביסעל צופיעל חוצפה? איהם נעגען וועם גאט ווארענט אידען מיט דעם „ואנכי אדרש מעמו“, אז ווער עס וועט איהם נישט צוהערען וועט גאט עס פון איהם פאדערען. (דברים י"ח) וויל ישראל איהם דוקא ניט צוהערען, איז דאס נישט צו פיעל זיך נעגען געשטעלט נעגען גאט?

ווען די וועלט עהרט אזוי שטארק קאלאמבוס'ן פאר זיין ערפינדונג, וויפעל מעהר דארפען מיר עהרען לויבען און ליעבען אונזער ישוע המשיח וועלכער האט אונז געבראכט די ישועה ונחמה אויף דיעזער וועלט און דאס באוואוסטזיניגקייט אויף חיי עולם דארט לעולמי עולמים, אזוי ווי ער זאגט אין יוחנן י"ד: „איך געה פאר אייך אן ארט צו בערייטען און דאן וועל איך צוריק קומען און אייך נעמען צו מיר כדי איהר זאלט זיין דארט וואו איך בין“. דאס מיינט פשוט טייל צו נעמען אין גן עדן מיט'ן הייליגען משיח, וואו קיין היטלער און קיין מוסאליני וועט צו אונז נישט קאנען קיין שליטה האבען.

ישוע המשיח האט אונז אבער אויך עפעס פארשפראכען שוין דא אויף דיעזער וועלט.

אין יוחנן ט"ו, 11, פארשפרעכט ער צו אלע מאמינים אן אונבאגרענעצטע שמחה אין הארצען ער זאגט: „את הדברים דברתי אליכם לבעבור תהיה שמחתי עליכם ושמחתכם תמלא נפשכם“.

אין מתתיהו י"א, 28-30, פארשפרעכט ער אונז מנוחה, זאגענדיג: „אני אתן לכם מרגוע . . . ותמצאו מנוחה לנפשכם“. דאס איז דוקא עפעס וואס דער וואנדערענדער איד דארף אזוי נויטיג האבען און קיין אנדערע כח קאן עס אונז געבען.

אין מרקוס ב, 9, זעהען מיר אז ער פארשפרעכט אונז גאר „סליחת חטאים“. דאס איז דאך אודאי א טייערע זאך ווייל צוליעב דעם פאסט דאך דער איד, דאווענט אזוי פיעל און גיבט צדקה. ער בלאזט שופר און שלאגט כפרה, און וואס נישט אלץ נאר כדי צו בעקומען סליחת עון, אט דאס פארשפרעכט אונז ישוע המשיח צו געבען ווייל ער איז דער „נושא עון ופשע וחטאה ונקא“, דארט אויפ'ן בארג גלגולת האט ישוע המשיח געטראגען אלע אונזערע זינד און איז מיט זיי אויפגענאגעלט געווארען אויפ'ן צלב; מיר לעזען אין ברית חדשה, מרקוס ב', אז ווען מ'האט פאר איהם געבראכט א קראנקען מענש צו היילען האט ישוע איהם צוערשט געזאגט: דיינע זינד זענען דיר פארגעבען און דארויף האט ער איהם אויך באלד געהיילט. אידען וואס האבען דאס צוגעהערט האבען זיך שטארק דארויף אנגעשטויסען, סטייטש היתכן, נאר גאט אליין קאן דאך זינד פארגעבען? אבער ווען מיר לעזען שמות כ"ג, 20-22 זעהען מיר אז גאט ב"ה האט אונז פארשפראכען צו שיקען א געוויסע פערזאן אז ער זאל עס פאר אונז טהון. דארט הייסט עס:

„הנה אנכי שולח מלאך לפניך . . . השמר מפניו ושמע בקולו . . . כ י ל א י ש א ל פ ש ע כ ם כי שמי בקרבו כי אם שמוע תשמע בקולו . . . . .

חטאים ופשעים זענען א טרויעריגע ערשיינונג און ברענגען ביטערע רעזולטאטען און כדי אז דער זינדער גופא זאל נישט דארפען ליידען פאר די חטאים ופשעים, האט דער הייליגער משיח דאפיר געליטען כדי אונז צו פארזיכערען מיט סליחת חטאים.

אט די אלע אויביגע אויסגערעכענטע ישועות קאן נאר קומען דורך ישוע המשיח וואס איז געווען אונזער פלייש און בלוט, טא זאלען מיר זיך מיט אזא משיח חלילה שעהמען ווען אנדערע ציהרען זיך נאר מיט איהם?

מיט קאלאמבוס'ן ריהמען זיך די איטאליענער. מיט א וואשינגטאן ציהרען זיך די אמעריקאנער. מיט א נאפאלעאן גרויסען זיך די פראנצויזען, מיט א קינג דזשארדזש זענען שטאלץ די ענגלענדער, אבער וועלכע פון זיי האבען אזא גרול געגעבען דער וועלט ווי מיר אידען, מיר דארפען אודאי און אודאי זיך פרייען, זיך ציערען און בכבוד האלטען אונזער ישוע המשיח: עס איז דער איינציגער משיח פאר אלע, אידען און נישט אידען. „כלנו כצאן תעינו איש לדרכו פנינו וד' הפגיע בו את עון כלנו“. (ישעיה נ"ג).


Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y. Entered as Second Class matter April 4, 1922, at the Post Office, Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Accepted for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, act of October 3, 1917. Authorized December 30, 1937.